**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/26/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט פארענדיגונג פון 31 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע האוזינג דעוועלאפמענט אין ראטשעסטער׳ס ׳אינער לופּ׳**

***׳270 אָן איסט׳ שאפט 112 דירות, אריינגערעכנט 55 מיט שטיצנדע סערוויסעס פאר וועטעראנען און עלטערע מענטשן***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ — דער ראיאָן׳ס ארומנעמיגע סטראטעגיע אויף אויפצולעבן קאמיוניטיס און מאכן וואקסן די עקאנאמיע***

***בילדער פון ׳270 אן איסט׳ צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנאנסירט דאס פארענדיגן א 31 מיליאן דאלערדיגן צוגענגליכע האָוזינג דעוועלאפמענט אויף ראטשעסטער׳ס ׳אינער לופּ׳. דער ניי-געבויטער ׳270 אָן איסט׳ פיגורירט 112 צוגענגליכע דירות, אריינגערעכנט 55 מיט שטיצע סערוויסעס פאר עלטערע מענטשן און וועטעראנען.

״מיין אדמיניסטראציע זעצט פאר וייטער צו זיין לעיסער-פאקוסירט אויף אויפלעבן דאונטאון געגנטער, העכערן די פארזארגונג פון צוגענגליכע האָוזינג, און באזארגן שטיצע סערוויסעס צו עמפינדליכע ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״270 אָן איסט׳ שטעלט צו זיכערע, מאדערנע, ענערגיע-גינציגע דירות צו איבער 100 פאמיליעס און איז נייטיג אויף צו פארבעסערן די לעבנס-קוואליטעט און פארזארגן א מער צוגענגליכע און זיכערע צוקונפט צו ראטשעסטער׳ס ׳אינער לופּ׳ געגנט.״

״שטיצנדע האָוזינג גיבט אן אויפפאסנדע און שטיצנדע אפציע וואס וועטעראנען און עלטערע מענטשן קענען אנרופן א היים, און אויך באקומען נייטיגע סערוויסעס,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״די ניי-געבויטע שטיצנדע האָוזינג אויף ראטשעסטער׳ס ׳אינער לופּ׳ וועט נישט נאר צושטעלן א מקום מנוחה פאר וועטעראנען און עלטערע מענטשן נאר אויך מער צוגענגליכע האָוזינג געלעגנהייטן פאר אנדערע אנגעשטרענגטע ניו יארקער.״

׳270 אָן איסט׳ איז געבויט געווארן אויף אן ערד-טייל אפגעקויפט דורך די שטאט ראטשעסטער אלס א טייל פון איר ׳אינער לופּ איסט טראנספארמאציע פראיעקט׳, אן אונטערנעמונג אנגעהויבן אין 2016 איבערצומאכן די 1950׳ער תקופה אונטער-ערדהייעך ׳אינער לופּ׳ הייוועי אויף א לעבהאפטיגע, זיכערע און פיסגייער-גינציגע איינוואוינער און קאמערציעלע קאמיוניטי. ׳270 אָן איסט׳ איז נעבן יוניאָן סקווער אַפּאַרטמענטס און שארלאטע סקווער אויף דער ׳לופּ׳, צוויי אנדערע HCR-פינאנצירטע אנטוויקלונגען געבויט אלס טייל פון דעם ׳אינער לופּ׳ טראנספארמאציע.

די ניי-געבויטע פינף-שטאקיגע געביידע רעכנט אריין 49 סטודיא דירות, 36 איינציג-שלאפצימערדיגע אפארטמענטס און 27 צוויי-שלאפצימערדיגע אַפּאַרטמענטס. אלע 112 אַפּאַרטמענטס זענען צוגענגליך פאר הויזגעזינדער מיט איינקונפט ביז 80 פראצענט פון די דורכשניטליכע פארדינסטן אין דעם געגנט, מיט 36 צוגענגליך פאר די וואס פארדינען ביז 60 פראצענט פון AMI און 63 צוגענגליך פאר די ביז 50 פראצענט פון AMI.

סערוויסעס און רענט סובווענצן פאר די 55 שטיצנדע יוניטס ווערן פינאנצירט דורך דעם עמפּייער סטעיט שטיצנדע האוזינג איניציאטיוו און אדמיניסטרירט דורך דעם ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט. עס געפונען זיך 35 דירות באשטימט פאר עלטערע מענטשן וועלכע האבן צוטריט צו סערוויסעס פארזארגט דורך 'עפּיסקאָפּעל סיניאָר לייף' קאמיוניטיס. די סערוויסעס נעמען אריין היים געזונטהייט סערוויסעס, אויפפאסונג קאארדינאציע, טראנספארטאציע, דאס אנטוויקלען 'געזונטע פארעלטערונג פלענער', גייסטישע געזונטהייט אונטערזוכונג, און שטיצע מיט גראָסערי איינקויפונגען, מאלצייט פלאנירן און צוגרייטן.

נאך 20 שטיצנדע דירות זענען אוועקגעלייגט פאר וועטעראנען וועלכע האבן צוטריט צו סערוויסעס צוגעשטעלט דורך 'איגעל סטאַר האָוזינג'. די דאזיגע רעכענען אריין טראנספארטאציע סערוויסעס, פאכמאנישע טרענירונג און בילדונג סערוויסעס.

איינוואוינער איינריכטונגען רעכענען אריין א דאך טעראסע, מערערע איינוואוינער לאָונדזשעס, א ביזנעס צענטער און לאַנדרי איינריכטונגען אויף יעדן שטאק.

די ענערגיע-גינציגע דעוועלאפמענט איז געאייגנט אויף ענווייראנמענטאלע באשיצונג אגענטור 'ענערדזשי סטאַר' פאר וואוין-ערטער סטאנדארטן און דער ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט 'לאָו-רייז רעזידענשעל ניו קאָנסטראָקשען פראגראם' סטאנדארטן, אויסניצנדיג ענערגיע-שפארזאמע באלייכטונגען, הויך-פונקציאנירנדע הייצונג און קילונג סיסטעמען, לייכט-פליסיגע וואסער אויסריכטונגען, און 'גרין לעיבעל פלוס' קאַרפּעט אויסבעטן.

'270 אָן איסט' געפונט זיך נעבן באס סטאַפּס וועלכע באהעפטן פארער צו אלע טיילן פון ראטשעסטער, העלטקעיר, פארמאסיס, בענק, און טאג-אויפפאסונג אנטשטאלטן.

דער פראיעקט איז אנטוויקלט געווארן דורך CSD האוזינג על-על-סי און געבויט געווארן דורך קריסטע קאנסטראקשען.

סטעיט אינוועסטירונג אין '270 אָן איסט' האבן אריינגערעכנט 5.3 מיליאן דאלער אין קביעות'דיגע שטייער-גע'פטר'טע באָנדס, פעדעראלע און סטעיט נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וועלכע האבן גענערירט 9.5 מיליאן דאלער אין באזיצערשאפט און 12.6 מיליאן דאלער אין סובווענץ פון ניו יארק סטעיט 'האומס ענד קאמיוניטי ריניועל' דורך דעם מיטלמעסיגע איינקונפט האָוזינג און נייע קאנסטרוקציע פראגראם. די שטאט ראטשעסטער האט צוגעשטעלט 1.5 מיליאן דאלער.

'270 אָן איסט' איז א טייל פון גאווערנער האוקול'ס ברייט-ארומנעמיגע פלענער צו מאכן האָוזינג מער צוגענגליך, יושר'דיג, און סטאביל. די גאווערנער האט פארגעשלאגן און ערפאלגרייך געשאפן, אין דעם 2022-23 סטעיט בודזשעט, א נייעם 25 ביליאן דאלערדיגן, פינף-יעריגן אלץ-ארומנעמענדן האָוזינג פלאן וואס וועט העכערן האָוזינג פארזארגונג דורך שאפן אדער היטן 100,000 צוגענגליכע דירות לענגאויס ניו יארק אריינגערעכנט 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר מער עמפינדליכע טיילן פון דער באפעלקערונג, אינאיינעם מיט די עלעקטריזירונג פון נאך 50,000 שטובער.

**׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״ ׳270 אָן איסט׳ האט געשאפן א זיכערע און צוגענגליכע שטוב פאר 112 פאמיליעס, סיניאָרס און וועטעראנען אין הארץ פון דאונטאון ראטשעסטער. גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו העכערן די פארזארגונג פון צוגענגליכע האָוזינג לענגאויס דעם סטעיט, איבערהויפט אין די אינער-שטאטישע קאמיוניטיס פון אָפסטעיט ניו יארק, וועט ווייטער שאפן פארשידנארטיגע, אריינגעמיגע און בליענדע געמישטע-באניץ געגנטער וואו מענטשן וועלן זיך וואונשן צו וואוינען און ארבעטן. א יישר כח פאר דער שטאט ראטשעסטער, ׳קריסטע דעוועלאפמענט׳, CSD האוזינג און אונזערע שטיצע סערוויסעס פארזארגער, ׳איגעל סטאַר האָוזינג׳ און ׳עפּיסקאָפּעל סיניאָר-לייף׳ קאמיוניטיס, פאר זייער ארבעט אין דאס ברענגען צו דער ווירקליכקייט.״

**קאנגרעסמאן דזשאו מארעל האט געזאגט,** ״דאס פערטיגן ׳270 אָן איסט׳ צייגט אונזער שטאנדהאפטיגע אנטשלאסנקייט צו פארברייטערן צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג אין אונזער קאמיוניטי. איך בין שטאלץ צו האבן געליפערט פעדעראלע געלטער פאר דעם פראיעקט וואס העלפט בויען א יושר׳דיגע און אריינגעמיגע צוקונפט און גלייכצייטיג אויך אויפלעבן ראטשעסטער׳ס דאונטאון קארידאר. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האוקול׳ס טריישאפט צו פארשטערקערן האָוזינג געלעגנהייטן און איך קוק ארויס צו אונזער ווייטערדיגע ארבעט אינאיינעם אונטערצוהייבן ראטשעסטער פאמיליעס.״

**סטעיט סענאטאר דזשערעמי קוני האט געזאגט,** ״ניו יארק סטעיט איז שטאלץ זיך אנצושליסן מיט אונזערע צוזאמארבעטער אין רעגירונג און קאמיוניטי אגענטורן אויף דער קריטיש-וויכטיגער אינוועסטירונג אין ראטשעסטער האָוזינג. איך קוק ארויס צו דעם צוקונפט פון דעם געגנט אזוי ווי מיר טוען צוריקבאהעפטן ׳אינער לופּ׳ געגנטער מיט דעם איבעריגן טייל פון דער שטאט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר אויפשטייגונג און יושר'דיגקייט פאר פילע קומענדיגע דורות.״

**אסעמבלי-מיטגליד דעמאנד מיעקס האט געזאגט,** ״דאס פערטיגן ׳270 אָן איסט׳ איז א הויפט טריט צו פארבעסערן לעבנס אומשטענדן פאר אונזער קאמיוניטי. האָוזינג אומזיכערהייט קען נאר אדרעסירט ווערן דורך געצילטע באמיאונגען צו פארזארגן הויכע קוואליטעט און צוגענגליכע האָוזינג. מיר מוזן ווייטער ארבעטן אינאיינעם צו שאפן א יושר׳דיגע און אריינגעמיגע געגנט פאר אלע פאמיליעס און איינוואוינער אין דער שטאט ראטשעסטער.״

**מאנראו קאונטי עקזעקיוטיוו אדאם בעללא האט געזאגט,** ״צוטריט צו צוגענגליכע האָוזינג איז א קריטיש-וויכטיגע באשטאנדטייל אין מיין אדמיניסטראציע׳ס פאקוס אויף פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון מאנראו קאונטי איינוואוינער. דער האָוזינג קאמפלעקס אויף 270 איסט עווניו אין דעם הארץ פון דאונטאון ראטשעסטער וועט טראנספארמירן די לעבנס פון אונזערע מערסט עמפינדליכע קאמיוניטי מיטגלידער, און איך דאנק ניו יארק סטעיט, גאווערנער האוקול, און ניו יארק סטעיט HCR פאר זייער אינוועסטירונג אין דעם העכסט-נייטיגן הילפס-מיטל.״

**מייקל עף. דעהמלער, פארוואלטונג מיטגליד פון CSD האוזינג, האט געזאגט,** ״׳270 אָן איסט׳ איז אן אויסגעצייכנטער ביישפיל אויף וויאזוי הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע און שטיצנדע האָוזינג קען מערקווירדיג פארשטערקערן קאמיוניטי ווידער-אנטוויקלונג צילן און אונטערנעמונגען. CSD האוזינג איז עקסטרעם שטאלץ צו האבן געהאט דער געלעגנהייט צו שפילן א קריטיש-וויכטיגע ראלע אין דער שטאט ראטשעסטער׳ס בליק פאר א פונדאסניי-אויסגעמאלטע ׳אינער לופּ׳ און צו מערקווירדיג ביישטייערן צו די האָוזינג פארשידנפארביגקייט פאראן אין א פרעמיערע ראטשעסטער געגנט.״

**פארשנעלערן ״פינגער לעיקס פאָרווערד״**

דער היינטיגער אנאנסמענט דערגאנצעט ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳, דער ראיאָן׳ס אויספירליכע בלופרינט צו שאפן שטארקע עקאנאמיע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש געאייגנטער פלאן פאקסירט אויף אינוועסטירן אין הויפט אינדוסטריעס, אריינגערעכנט פאטאניקס, אגריקולטור, און עסנווארג פראדוקציע, און פארגעשריטענע פאבריצירונג. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן דער ׳פינגער לעיקס פאָרווערד׳ מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג דורך דעם אָפּסטעיט ווידער־אויפלעבונג אינציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלער אינוועסטירונג ווען באלוינען פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער ווי 2.5 ביליאן דאלער — און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, טוט פאראויסזען ביז 8,200 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען דא.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך אויסשרייבן